בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת עקב תשפ"ב
מאמר א'

יו"ל פר' עקב תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**ס'שטייט** אין פסוק (ז, יד) 'ברוך תהיה מכל העמים', מ'שטעלט זיך פארוואס פעלט דאס אויס צו צוגלייכען די יודען צו די פעלקער כדי זיי צו בענטשען. מיר בעטען דאך 'ולא יצטרכו עמך ישראל זה לזה ולא לעם אחר', אז מיר אליינט זאלען זיין גוט און ראוי מקבל צו זיין די גוטס, און מיר זאלען זיך נישט דארפען פארמעסטען מיט אנדערע (עי' פרדס יוסף שמות א, א), און נאר בלית ברירה בעטען מיר געהאלפען צו ווערען און געבענטשט ווערען צוליב דעם וואס מיר זענען נישט ערגער פון זיי, אבער לכתחלה דארפען די יודישע קינדער זיין גוט און ראוי געבענטשט צו ווערען מצד עצמם.

**דער** **אור המאיר** ערקלערט דער ענין אז ס'מיינט אז אפילו בשעת ווען די יודען מישען זיך אויס צווישען די גויים, זאלען זיי האבען דער כח צו זיין באזונדערט און אפגעשיידט און העכער פון זיי, און דאס איז די הבטחה פונעם פסוק '**ברוך תהיה**' אפילו '**מכל העמים**'. און אט ווען מען קוקט אריין בפשטות אין זיין לשון איז משמע פון דעם אז ס'גייט ארויף אויף די ימות הגלות, אבער דער פסוק דא רעדט זיך אין די צייט ווען די יודען זענען שרויים על אדמתם - אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ז, יג) 'ואהבך וברכך והרבך וגו' **על האדמה אשר נשבע לאבותיך לתת לך**'. נאר דער באדייט פונעם ברכה איז נישט דווקא ווען די יודען זענען אין גלות צווישען די גויים, נאר ס'גייט ארויף אויף די וועלט וואס איז באשאפען געווארען מיט גויים און מיט הסתרות און כל מיני ענינים וואס ציען צו גשמיות און זענען זיך מתנגד צו עבודת ה'. און דער הבטחה פון 'ברוך תהיה מכל העמים', קומט אויפ'ן עצם זאך וואס מיר געפינען זיך דא אויף די וועלט, און דער פסוק קומט אונז זאגען אז מיר קענען זיין אפגעשיידט און העכער פון זיי.

**שטייט** אין משנה (ע"ז לה:) 'ואלו דברים של עובדי כוכבים אסורין ואין איסורן איסור הנאה וכו' והשלקות',

זאגט רש"י 'והשלקות - כל דבר שבישלו עובד כוכבים ואפילו בכלי טהור', און ס'שטייט אין די גמרא (לז:) קס"ד דילפינן איסור בישולי עכו"ם ממה דכתיב (דברים ב, כח) 'אוכל בכסף תשבירני ואכלתי ומים בכסף תתן לי ושתיתי', 'כמים' - מה מים שלא נשתנו אף אוכל שלא נשתנה, און דער גמרא פיהרט אויס אז דאס איז א איסור דרבנן [ור"ת כתב (תוס' ד"ה והשלקות) דגזירה קדמונית היא], וקרא אסמכתא בעלמא. און אט אלע אסמכתות וואס שטייען אין די גמרא האבען אין זיך א פנימיות און א טיפקייט - וואס מ'דארף זיך דערפון אפלערנען די כוונה פונעם גזירת חז"ל פונעם פסוק.

**וי"ל** אז דער פסוק דארט רעדט זיך ביי מלחמת סיחון, וואס די יודען האבען געשיקט צו זאגען צו סיחון מלך חשבון 'אעברה בארצך וגו', אוכל בכסף תשבירני ואכלתי ומים בכסף תתן לי ושתיתי רק אעברה ברגלי, כאשר עשו לי בני עשו' (דברים ב, כז-כט), און די מפרשים שטעלען זיך וואס האבען זיי געמיינט מיט דעם וואס זיי האבען געזאגט '**כאשר עשו לי בני עשו**', אדום האט דאך נישט אדורך געלאזט די יודען אריבער צו גיין זייער לאנד (חקת, כ, כא), רש"י פארטייטשט אז ס'רעדט זיך לגבי דער ענין פון פארקויפען און קויפען עסען און וואסער, דארף מען פארשטיין וואס קומט אונז דאס לאזען הערען. נאר ס'מיינט אז די כוחות הקליפה פון סיחון און בני עשיו זענען צוגעגליכען צום איסור פון בישול עכו"ם, ווייל '**בישולי עכו"ם**' איז מיט א כשר טעפל, א כשר לעפל און כשר'ע עסן, אבער ס'איז גוי"יש געקאכט, מ'קאכט זיך גוי"יש. ס'ליגט אויף יעדער איינער און איינער צו וויסען ווען ער געפינט זיך דא אויף די וועלט, אז טראצדעם וואס די תענוגות און מנעמי עולם הזה זענען כשר און גוט מיט די בעסטע השגחה, אבער מ'דארף זייער אכטונג געבען אז ס'זאל נישט זיין גוי"יש געקאכט.

**און** ס'ליגט דא באהאלטען ברמז דאס וואס דער משנה האט אנגעכאפט ביי 'בישולי עכו"ם' דער לשון פון 'שלקות', און דער תוס' יו"ט (מעשרות פ"ד מ"א) ברענגט דערויף צוויי פירושים צו

'שולק' איז וויניגער וויא מבשל אדער מער וויא מבשל. און על דרך העבודה קען מען זאגען, אז דערפאר האט מען אנגעכאפט בישולי עכו"ם מיט די לשון שלקות, ווייל טאקע געוויס האט דער אייבערשטער אונז אראפ געברענגט דא אויף די וועלט, אין דעם עולם הגשמי, און מ'דארף זעך אביסעל קאכען און עוסק אין גשמיות'דיגע זאכען כפי הצורך, און חז"ל רופען אן די עניני עוה"ז מיט'ן לשון **תבשיל** (עי' פסחים קיב.), אבער מ'מעג זעך נישט איבער קאכען, ד. ה. זיך איגגאנצען אריין טוהן און זיך באשעפטיגען אין גשמיות מיט'ן גאנצען ברען און מיט'ן גאנצען ווארעמקייט, **ווער נישט צוקאכט פון דער וועלט**. און דאס איז די כוונה פונעם הבטחה פונעם פסוק 'ברוך תהיה מכל העמים' - אז מיט דעם וואס דו געפינסט זיך דא אויף די וועלט זאלסטו זיין הערכער און אפגעטיילט.

**און** מיר לערנען דאס ארויס פון דעם וואס די יודישע קינדער האבען געזאגט צו סיחון 'כאשר עשו לי בני עשו', בני עשיו מיינט דאס וואס שטייט אין פסוק 'ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו', ווייל עשיו האט דאך גענומען זיין חלק אין עולם הזה, און דאס מיינט אפילו צו די כשר'ע עולם הזה, וואס האט א הכשר און א זיגעל אז אלעס איז כשר - אבער פונדעסטוועגען איז דאס פון עשיו, און מען דארף זיך דערווייטערען פון ווערען איינגעזינקען דערין. און אויף 'סיחון' זאגען חז"ל (ב"ב עה:) המהלך אחר סיחה נאה, 'סיחון' זענען די וואס שטראמען און לויפען נאך נאכ'ן תאוות עולם הזה, און גיין נאך אלעס וואס דער וועלט האט און וויל צו פארקויפען, און עס ליגט אויף א אויפגאבע אויף די יודישע קינדער צו קעמפען און מלחמה האלטען מיט סיחון, און זיין פון די וואס הערשען אויף זייער יצר - המושלים ביצרם.

**און** דאס איז א אן אסמכתא צו די אינערליכע אינזיכט פון בישולי עכו"ם, וואס פונדעם לערנט זיך אויס יעדער יוד וויפהל ער דארף זיך דערווייטערען פון בישולי עכו"ם, מ'זאגט פאר יעדער איינער און איינער: **דו דארפסט זיין אפגעטיילט פון די גויי'שע וועגען און**

**פון אלע גשמיות'דיגע תענוגות, דו לעבסט טאקע אויף די וועלט מיט א גשמיות'דיגע גוף און מיט גשמיות'דיגע רצונות, אבער דו ביסט אנדערש אפגעשיידט און באזונדערט פון זיי.**

**אין** פרשת דברים שטייט אז משה רבינו ע"ה האט געזאגט מוסר פאר די יודען און ער האט זיי געזאגט (א, כב) 'ותקרבון אלי כולכם ותאמרו נשלחה אנשים לפנינו ויחפרו לנו את הארץ וְיָשִׁבוּ אותנו דבר את הדרך אשר נעלה בה ואת הערים אשר נבא אליהן'. זאגט רש"י 'וישיבו אותנו דבר - **באיזה לשון הם מדברים**, את הדרך אשר נעלה בה - **אין דרך שאין בה עקמימות** (ספרי)', און על פי פשוטו מיינט דאס צו באטאנען צוויי באזונדערע זאכען, ערשטענ'ס צו וויסען מיט וועלעכע שפראך זיי רעדען, און אזוי אויך אויף וועלעכען וועג ארויף צוגיין - וויא איז פארהאן א גרוב און כל מיני ערליי שטרויכלינגען, שווערִיקייטען און סכנות.

**אבער** דער **פנים יפות** שרייבט אז אלעס מיינט איין זאך, אויף דערפאר וויבאלד מיר טרעפען ביי די גבולי ארץ ישראל אין פרשת מסעי, אז ס'שטייט אין פסוק (לד, ד) **'ונסב הגבול'** - אז דער גרעניץ איז נישט געווען גלייך נאר ס'איז ארויס אביסעל אינדרויסען און צוריק אריין, **'תתאו לכם'** (לד, ז) - דער גרעניץ איז געווען קרום ארום געגומען און שיעף - בעקמימות מסובב ומשופע, אמאהל איז דאס אריין און אמאהל איז דאס ארויס - פעמים נכנס ופעמים יוצא. און אזוי אויך איז געווען אסאך שטעט פון חוץ לארץ וואס זיי זענען געווען מובלע אין די גרעניצען פון ארץ ישראל (עי' גיטין ד.). און אין יענער צייט האט מען זיי נאכנישט געזאגט די גרעניצען, און מ'האט געזאגט מצד הסברא, ווייל אין לך דרך שאין בו עקמימות - אז די גרעניצען גייען אריין און ארויס, און אזוי אויך די שטעט, און זיי ווייסען נישט די וועג. אבער ס'ווערט געברענגט אין די גמרא (קדושין עא:) אז די סימן פון א בבלי איז אויב ער רעדט מיט'ן שפראך פון בבל, קומט אויס אז דאס איז געווען דער סימן פאר די יודישע קינדער, אז דער וואס רעדט מיט'ן לשון כנעני איז ער פון ארץ כנען, און דער וואס געהערט

צו א אנדערען לאנד, האט געהאט א אנדער'ן שפראך. און דאס איז וואס ס'שטייט **'וישיבו אותנו דבר'** - אז זיי זאלען אויספארשען דעם ארט וואס מ'רעדט דארט כנענית, וואס דורכדעם וועלען זיי וויסען **'את הדרך אשר נעלה בה'** - וואס איז דער גרעניץ פון ארץ ישראל וואס ס'איז דא דערין עקמימות.

**און** אויב על פי פשטות זענען זיינע ווערטער אביסעל מחודשים - אזוי צו לערנען בפשטות אין ספרי [ווייל די לשון פון רש"י פון ספרי איז: אין **'דרך'** שאין בה עקמימות, און לויט זיין פשט וואלט געדארפען שטיין אין **'גבול'**, און ס'איז אויך נישט שייך צו מאכען פונדעם א כלל - ווייל דער נידון איז נאר אויף א חלק פון די גרעניצען - גבולות ארץ ישראל און נישט אויף די גאנצע וועלט. און בפרט אינעם לשון פונעם פסוק את הדרך **'נעלה בה'**]. אבער ווי ריכטיג זענען זיינע ווערטער ע"ד העבודה. ווייל אט שטייט אין **שפת אמת** (אמור תרמ"ו ד"ה בפסוק אלה) בשם דעם **חידושי הרי"מ זי"ע** אז די יודישע קינדער ווערען אנגערופען **'חול הים'** [אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (וירא כב, כז) 'והרבה ארבה את זרעך וגו' וכחול אשר על שפת הים', 'ושמתי את זרעך כחול הים' (וישלח לב, יג), 'והיה מספר בני ישראל כחול הים' (הושע ב, א)], אזוי וויא די זאמד טוהט אונטערשיידען און עס באגרעניצט צווישען די 'ים' מיט די 'יבשה', אזוי אויך טוהען אונטערשיידען און באגרעניצען די יודישע קינדער די הארת הקדושה ס'זאל נישט קומען די 'ים' און באפלייצען די גוט'ס און ס'זאל זיך נישט אויסמישען די גוט'ס מיט די שלעכט'ס (ועי' שבה"ג תרנ"ו, קדושים תרל"ו ותרמ"ח). ווייל אינעם **'ים'** ווערט מרומז די שלעכטע כוחות וואס קומען צו באפלייצען די וועלט מיט שלעכט'ס, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ישעיה נז, ב) 'והרשעים כים נגרש' (עי' מהרש"א סוטה ה. ב"ב ז:), די וועלט - העולם הזה און אלע זיינע תאוות און הבלים ווערען אנגערופען 'ים', און די יודישע קינדער זענען די מויער און די גרעניץ - הם החומה והגבול פון די קדושה. ואין לך דרך שאין בה עקמימות, ווייל ס'איז זייער שווער צו וויסען איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם, וויפיהל איז די שיעור און מדה ווען דער מענטש באשעפטיגט זיך אין

עניני עולם הזה און אין עניני גשמיות, און וויא דארף מען אוועק שטעלען און קובע זיין דעם גרעניץ מיט'ן גבול, און וואס איז דאס גענוגע מאס דערויף. און דער עצה דערויף איז, **'וישיבו אותנו דבר'**, אז דער מענטש דארף זיך בודק זיין און איבער קוקען וואס איז זיין שפראך און וואס איז זיין רצון, ווייל אויב דער שפראך איז א יודישע שפראך, אויב מ'רעדט יודיש, און ס'איז א ריינע שפראך, דאס וויל מען און אויף דעם שטרייבט מען [וגם נישואין איקרי בלשון נקיה של חז"ל 'דיבור' (עי' כתובות יג.: וסנהדרין נו:), שעל האדם לבדוק את עצמו אם נעשה כראוי בקו"ט], דעמאלט ווייסט ער אז ער געפינט זיך אין דער יודישע גרעניץ, און אין דער יודישע געגנט.

**חומש** דברים ווערט אנגערופען 'ספר הישר' (ע"ז כה.) - ווייל עס גלייכט אויס דעם וועג פון די וועלט וואס האט אין זיך עקמימות, אז דער מענטש זאל וויסען וואו אוועק צו שטעלען דעם גרעניץ - דעם גבול, אכטונג צו געבען אויפ'ן קדושה. און חומש דברים ווערט אויך אנגערופען 'ספר היראה' [און אזוי וויא דער יהודי הק' זי"ע, פלעגט לערנען יעדען טאג משנה תורה, און ער האט געזאגט אז פאר איהם איז דאס דער בעסטער אוסגעוועלטער ספר מוסר, און ס'איז מסוגל אויף יראת שמים], וויבאלט אז ס'איז פיהל מיט יראת שמים, און מוסר רייד - תוכחות מוסר וויא אזוי זיך אויף צופירען, צו געדענקען פונעם אייבערשטען און איהם צו דינען, און מקיים זיין זיינע מצוות. און סיי 'ספר הישר' און סיי 'ספר היראה' איז אלץ איין מכוון - ווייל יראת שמים העלפט צו דעם מענטש אויסגלייכען די וועג.

**ס'ווערט** געברענגט א משל, אז ס'איז אמאהל געווען א פריץ וואס האט געגעבען א קיה פאר א יוד אויף א ווײַלע פון א חודש צייט - בתנאי אז די קיה וועט נישט אראפ גיין און ארויף גיין אין די וואג, לכאורה איז דאס א שווערע זאך מקיים צו זיין, ווייל פון איין זייט קען מען איהר נישט אויס הינגערען ווייל זי וועט דאך שטארבען, און פונעם צווייטען זייט קען מען איהר אויך נישט געבען צו עסען געהעריג - טאמער וועט זי

צונעמען וואג. וואס האט ער געטוהן, האט דער יוד אוועק געשטעלט אנטקעגען די קיה א לייב - אריה, און ער האט איהר געגעבען צו עסען געהעריג, און פון גרויס ציטער האט זי נישט צוגענומען קיין וואג. און געוויס טאקע אז במציאות קען מען נישט אויסרעכנען און מכוון דעם געגויען וואג. אבער ביי **יראת שמים** איז דער משל אזוי גוט און אזוי ריכטיג, פאר דער וואס פארשטייט צודעם. וויל אט שטייט אין פסוק (הושע יא, י) 'אחרי ה' ילכו **כאריה** ישאג', און אין לשון הגמרא ווערט איסורי תורה אנגערופען **'אריא** הוא דרביע עליה' (עירובין עח: שבועות כב:), **ס'איז דא א לייב וואס שרייט: עס נישט! טוה נישט! מאך נישט!** יעדער איינער וואס לעבט אין עולם הזה, אין די גשמיות'דיגע וועלט, ווארפט זיך שטענדיג און פרעגט וואו אזוי האט ער די כוחות און וואו אזוי קען ער וויסען וואו איז דער גרעניץ - ער זאל זיך נישט באשעפטיגען צו פיהל מיט'ן גשמיות מער פונעם ריכטיגען וואג - מעל המשקל הראוי, און דער עצה דערצו איז **יראת שמים** - 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה' (י, יב), אויב מ'געדענקט דעם יראה, איז דעמאלט דער 'ספר היראה' דער 'ספר הישר' וואס גלייכט אויס די קרומקייטען, דורכ'ן 'יראה' ווייסט דער מענטש וואו אהין, וואו אזוי, און וויפהל צוגיין.

**ס'איז** באוואוסט די קושיא אויף דעם וואס ס'שטייט אין די גמרא (שבת לא.) 'כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים, דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצונות לא מסרו לו', זעהט מען אז 'יראה' איז א דרויסענ'דיגע זאך, און אויף א צוויטע ארט זאגען חז"ל (שבת לא: יומא עב:) 'חבל על דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד', זעהט מען אז 'יראה' איז א אינערליכע זאך - דבר פנימי. נאר ס'שטייט פון די חידושי הרי"מ זי"ע אז יראת שמים איז דער שליסעל - 'מפתח' אויף צו עפענען און צו שפאלטען דערמיט די 'חיצוניות', און דערגרייכען און אנטפלעקען דעם 'פנימיות', און ער זאל זיך קענען דערווייטערען פון די 'חיצוניות'. און נאכדעם וואס מען אנערקענט צו זעהן אז ס'איז פארהאן פנימיות, האט

מען די פארשטאנד צו פארשטיין אז די וועלט - די עולם הזה און אלעס וואס זי פארמאגט אין זיך, און אלע אירע גליסטונגען, זענען נישט מער וואו בלויז חיצוניות, און ס'האט נישט קיין אמת'ע ממשות, און דורכדעם טוהען זיי נישט צוריק האלטען פון צו דערגרייכען די פנימיות (עי' לקוטי הרי"מ שבת שם). און דערנאך וואס מען דערגרייכט דעם 'יראה', ווערט שוין די הארץ ערוועקט צו וועלען און צו זיכען און צו בעטען רוחניות און דברים פנימיים.

**חודש** אלול ממשמש ובא, און מען דארף זיך מתעורר זיין צו תשובה און צו יראת שמים - 'אחרי ה' ילכו כאריה ישאג', און אזוי וואו ס'שטייט אין פסוק (עמוס ג, ו) 'אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו', זיך ערוועקען צו אמתד'יגע תשובה, און מ'זאל וועלען גיין אויף גוטע וועגן.